**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/31/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער HOCHUL'ס 850 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג מאכט ניו יארק מער צוגענגליך פאר אנטווילקנדע דיסעביליטי סערוויס פראוויידערס**

***מער געלט אין אייער קעשענע: ראטע-ווידערזעצונג וועט העלפן נאן-פראפיט סערוויס פראוויידערס צושטעלן קאנקורירנדע געהאלטן פאר פראנטליניע שטאב***

***בויט אויף גאווערנער Hochul'ס אנטשלאסנקייט צו מאכן ניו יארק די מערסטע ארבעטער-פריינטליכע סטעיט אינעם לאנד***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן באלד 850 מיליאן דאלאר אין אפדעיטעד צוריקצאלונג ראטעס פאר נאן-פראפיט רעזידענשל און טאג סערוויס פראוויידערס מיט לייסנס פונעם ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסעביליטיס ( New York State Office for People With Developmental Disabilities). די 2025 פיסקאלע יאר אקטיוו בודשעט, צוזאמען מיט נאך פעדעראלע געלטער, געגעבן פאר מער ווי 400 מיליאן דאלאר אין נייע רעסאורסעס צו ווערן צוגעטיילט יעדע יאר פאר OPWDD'ס סערוויס פראוויידערס. גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) 2026 פיסקאלע יאר עקזעקיוטיוו בודשעט האלט אן די אינוועסטירונג און וועט העלפן אנפילן קריטישע לעכער אין דעם ארבעטקראפט בשעת'ן שאפן נייע דשאב געלעגנהייטן. די אינוועסטירונג וועט ערמעגליכן פראוויידערס צו הייבן די געהאלט פאר זייערע איבערגעגעבענע שטאב, מאכנדיג ניו יארק א מער צוגענגליכע פלאץ צו וואוינען און ארבעטן. אונזער פראוויידער אינדוסטרי איז אויסגעשטאנען שוועריקייטן, און די שטארקע איניציאטיוו דורך גאווארנער Hochul (האקול) באווייזט אן איבערגעגעבנקייט צו שטיצן די סעקטאר, אירע שווער-ארבעטנדע מענטשן און די קאמיוניטיס וואס זיי סערווירן.

"ניו יארק'ס סערוויס פראוויידער'ס שטעלן צו א קריטישע סערוויס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונגס דיסעביליטיס און זייערע פאמיליעס, און עס קומט זיך זיי צו ווערן באצאלט א גערעכטע ראטע פאר די סערוויסעס וואס זיי שטעלן צו," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די ראטע צופאסונג איז ערווארטעט צו ערמעגליכן פילע סערוויס פראוויידערס צו העכערן די געהאלט פאר זייערע פראנטליניע שטאב, וואס וועט מאכן וואוינען אין ניו יארק מער צוגענגליך פאר איינס פון אונזער שווערסט ארבעטבנדע, מערסטע איבערגעגעבענע און רחמנות'דיגע ארבעטקראפטן."

ראטע ווידערזעצונג איז א פעדעראל געפאדערטע פראצעדור וואו פראוויידער צוריקצאלונג ראטעס ווערן אפדעיטעד צו פאסן די טוישונגען צו די אמת'ע קאסטן פון צושטעלן סערוויסעס. די רעסאורסעס וועלן ערמעגליכן פראוויידער אגענטורן פארצושלאגן העכערע געהאלטן פאר דירעקטע קעיר שטאב, העלפנדיג אדרעסירן צו ווייניג שטאב און פארמינערן איבערטווישונגען, וואס זענען קריטיש צו פארבעסערן די קוואליטעט פון קעיר פאר מענטשן מיט דיסעביליטיס. דערצו, וועלן די קאסטן שטיצן נאך וויכטיגע קאסטן פארבידן מיט צושטעלן די וויכטיגע סערוויסעס.

זינט 2022, האט די סטעיט ערמעגליכט מער ווי 2.8 ביליאן דאלאר צו OPWDD פראוויידערס צו שטיצן אינוועסטירונגען אינעם ארבעטקראפט - ארום 14 ביליאן דאלאר אין איינמאליגע פעדעראל-באשטעטיגטע באנוסן, באלד 1.1 ביליאן דאלאר דורך דריי נאכפאלגנדע קאסט פון לעבן צופאסונגען (Cost of Living Adjustments COLAs), אריינרעכענענדיג די 2.84 פראצענט COLA אריינגערעכנט אין לעצטע יאר'ס בודשעט, און איבער 340 מיליאן דאלאר דורך פארשידענע סטעיט-פינאנצירטע באנוס איניציאטיוון. צוזאמען, וועלן מער ווי 3.7 ביליאן דאלאר געמאכט געווארן עוועילעבל צו OPWDD'ס נעטווארק פון נאן-פראפיט פראוויידערס, ווען מ'רעכנט אריין די נייע רעסאורסעס פון די פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג אין ראטעס.

**אפיס פון די טשיעף דיסעביליטי אפיסער Kim Hill Ridley (קים היל רידלי) האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג איז א הויפט טייל פון פארשטערקערן די דיסעביליטיס סערוויס סיסטעם און פריאריטיזן געהאלט העכערונגען פאר אונזערע דירעקט שטיצע ארבעט קראפט וואס שטיצט ניו יארקערס מיט דיסעביליטיס אין זייער טעגליכע לעבן. א דאנק גאווארנער Hochul (האקול) פאר די רעסאורס וואס העלפט פראוויידערס בלייבן קאנקורירנד בשעת'ן צושטעלן די בעסטע שטיצע און סערוויסעס."

**אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסעבליטיס (OPWDD) אמטירנדער קאמישענער Willow Baer (ווילאוו בער) האט געזאגט,** "OPWDD איז צופרידן צו קענען ארויסגעבן די באדייטנדע ראטע צופאסונגען וואס וועט העלפן אונזערע סערוויס פראוויידערס צו ווייטער אנהאלטן קריטישע שטיצע און איינשטעלן און אנהאלטן טאלאנטפולע און קוואליפיצירטע פראנטליניע שטאב. איך בין שטאלץ פון די וויכטיגע אינוועסטירונג און בין צופרידן צו זען ווי די פינאנצירונג גייט דורך צו אדרעסירן לאנג-שטייענדע זארגן און פארשטערקערן די וויכטיגע ארבעטקראפט."

**סטעיט סענאטאר Patricia Fahy (פאטרישע פאהי) האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין אונזערע קעירגעבער און דירעקט שטיצן ארבעטקראפט וואס שטעלט צו קריטישע סערוויסעס און קעיר אפר ניו יארקערס וואס לעבן מיט דיסעבליטיס איז וויאזוי מיר אדרעסירן אפענע שטעלעס, אנהאלטן און פארזיכערן דאס ווייטער גיין פון די קעיר. די פינאנצירונג וועט ערמעגליכן פראוויידערס צוצושטעלן מער קאנקורירנדע געהאלטן און אדרעסירן שטאב שוועריקייטן, ברענגענדיג צו פארבעסערטע קעיר פאר ניו יארקערס וואס לעבן מיט דיסעביליטיס און זייערע פאמיליעס. איך דאנק גאווארנער Hochul (האקול) און קאמישענער Baer (בער) פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון אינוועסטירן אין אונזערע פראנטליניע ארבעטקראפט, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט מיינע קאלעגן צו ווייטער אינוועסטירן אין אונזער דירעקטע שטיצע פראפעסיאנעלע ארבעטקראפט."

**אסעמבלימעמבער Angelo Santabarbara (אנגעלא סאנטאבארבארא) האט געזאגט,** "דירעקט שטיצע פראפעסיאנעלן זענען די רוקנביין פון אונזער קעיר סיסטעם, צושטעלנדיג קריטישע שטיצע וואס ערמעגליכט מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסעבליטיס צו וואוינען מיט שעצונג און זעלבסטשטענדיגקייט. די אינוועסטירונג איז א באדייטנדע שריט צו פארשטערקערן דיסעביליטי סערוויסעס, פארזיכערן אז פראוויידערס קענען צושטעלן מער קאנקורירנדע געהאלטן איינצושטעלן און אנהאלטן די איבערגעגעבענע פראפעסיאנעלן וואס מאכן אן אמת'ע חילוק אין מענטשן'ס לעבן. עס העלפט אדרעסירן צו ווייניג ארבעטקראפט און פארשטערקערט אונזער איבערגעגעבנקייט צו א שטארקע און דויערהאפטיגע קעיר סיסטעם. איך אנערקען גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) אנערקענונג צו דעם געברויך און איבערגעגעבנקייט צו שטיצן ניו יארק'ס דיסעבליטי סערוויס פראוויידערס. אלס טאטע פון א זון וואס האט א דיסעבליטי, איז דאס אן ענין צו וואס איך האב א שטארקע געפיל, און איך בלייב איבערגעגעבן צו פארבעסערן פאליסיס וואס פארשטערקערן די סערוויסעס, פארזיכערנדיג אז מענטשן מיט דיסעבליטיס און זייערע פאמיליעס האבן צוטריט צו די קעיר און שטיצע וואס קומט זיך זיי."

**NY אליאנס פאר אריינגעמעונג און אינאוואציע פרעזידענט און Michael Seereiter CEO (מייקל סירייטער) האט געזאגט,** "די NY אליאנס און איר 135 נאן-פאר-פראפיט פראווײדער מיטגלידער זענען שטארק דאנקבאר צו גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און OPWDD אמטירנדער קאמישענער Willow Baer (ווילאו בער) פאר די פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג וואס וועט שטארק פארבעסערן אונזער מעגליכקייט צו שטיצן די 130,000+ ניו יארקערס וואס וואוינען מיט אינטעלעקטועלע און אנטוויקלונג דיסעבליטיס (I/DD) און זייערע פאמיליעס וואס זענען געשטיצט דורך OPWDD. די רעסאורסעס וועלן געבן פאר אונזערע רעזידענשל און טאג סערוויסעס פראווײדערס די מעגליכקייט צו צוציען און זיך פארבינדן מיט דירעקט שטיצע, פראנטליניע סופערוויזער און אנדערע קריטישע שטאב פאזיציעס וואס איז נויטיג צוצושטעלן הויכע קוואליטעט שטיצע, און אדרעסירן אנדערע נויטיגע קאסטן פארבינדן מיט די סערוויסעס."

**Erik Geizer ARC NY CEO (עריק גייזער) האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט האט געמאכט באדייטפולע און שטארק-נויטיגע אינוועסטירונג אין מענטשן מיט אינטעלעקטועלע און אנטוויקלונג דיסעבליטיס. יארן פון צו-ווייניג אינוועסטירונג האט געברענגט א קריזיס אין אונזער סיסטעם וואס האט פארמינערט די קוואליטעט און עוועילעביליטי פון נויטיגע שטיצעס און סערוויסעס. מיר אפלאדירן גאווארנער Hochul (האקול) און OPWDD פארן צוזאמענארבעטן מיט פראווײדערס צו בעסער צופאסן אינוועסטירונג מיט די יעצטיגע קאסטן פון צושטעלן סערוויסעס. די צוגעקומענע הילפסמיטלען וועלן העלפן פראווײדערס בעסער נאכקומען די געברוין פון די מענטשן מיט שטיצע. מיר קוקן ארויס צו ווייטער ארבעטן מיט די סטעיט צו פארזיכערן אז מיר קומען נאך אונזער איבערגעגעבנקייט צוצושטעלן הויכע-קוואליטעט, רחמנות'דיגע קעיר פאר אונזערע איינוואוינער מיט ספעציעלע געברויכן."

**CP סטעיט CEO און פרעזידענט Mike Alvaro (מייק אלווארא) האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן ניו יארק סטעיט און די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסעבליטיס (OPWDD) פארן אפדעיטן פראווײדער ראטעס, אפצייכענענדיג א וויכטיגע אינוועסטירונג אין סערוויסעס פאר מענטשן מיט דיסעביליטיס. מיר זענען אויך דאנקבאר צו גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און אמטירנדער קאמישענער Willow Baer (ווילאו בער) פאר זייער איבערגעגעבנקייט און באמיאונגען צו שטיצן די אנטוויקלונג דיסעבליטי סיסטעם. די שטיצע העלפט פראווײדערס פארשטערקערן זייער ארבעטקראפט, נאכקומען העכערע קאסטן און - דאס וויכטיגסטע פון אלעם - פארזיכערן אז א הויכע קוואליטעט נעטווארק איז עוועילעבל לענגאויס די סטעיט פאר מענטשן מיט אינטעלעקטועלע און אנטוויקלונג דיסעבליטיס."

**Winifred Schiff (וויניפרעד שיף) אינטער אגענטור קאונסיל CEO האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווארנער Hochul (האקול) און אמטירנדער קאמישענער Willow Baer (ווילאו בער) פאר זייער שטיצע פון די אנטוויקלנדע דיסעבליטיס סערוויס סעקטאר, זייער אנערקענונג אז די קאסטן פון צושטעלן סערוויסעס איז שטארק געוואקסן, אין די צייט וואס ראטעס איז געבליבן הינטערשטעליג, און זייער אנערקענונג פאר אונזער פראנטליניע שטאב שטעלן צו וויכטיגע לעבנס שטיצנדע און אפירמינג סערוויסעס וואס מאכט לעבן מעגליך פאר אזויפיל ניו יארקערס. כאטש וואס אונזער ארבעט איז נאכנישט געענדיגט, וועט די לעצטע ראטע צופאסונג גיין א לאנגע וועג צו אנטשעדיגן פאר יארן פון נידריגע ראטעס און עטליכע פארלוסטן וואס פראווײדערס האבן מיטגעמאכט דורכאויס די COVID פאנדעמיק, און מיר פארלאזן זיך אז גאווארנער Hochul (האקול) וועט ווייטער שטיין מיט אונז אזוי אז צוזאמען, וועלן מיר קענען דערגרייכן צופרידנשטעלנדע געהאלטן פאר אונזערע פראנטליניע ארבעטקראפט, און אונזער סעקטאר וואעט ווייטער שטיצן ניו יארקערס מיט אנטוויקלונג דיסעביליטיס און זייערע פאמיליעס, פאר א לאנגע צייט."

**DDAWNY פרעזידענט Mindy Cervoni (מינדי קערוואני) האט געזאגט,** "די אנטוויקלונג דיסעבליטיס אליאנס פון וועסטערן ניו יארק ( Developmental Disabilities Alliance of Western

New York DDAWNY) איז שטארק דאנקבאר צו גאווארנער Hochul (האקול) פאר איר שטאנדהאפטיגע איבערגעגעבנקייט צו ניו יארק'ס נאן-פראפיט סערוויס פראווײדערס שטיצדניג מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסעבליטיס. די טראנספארמאטיווע פינאנצירונג געבט די כח פאר פראווײדערס צו ווייטער צושטעלן הויכע-קוואליטעט סערוויסעס בשעת'ן צושטעלן מער קאנקורירנדע געהאלטן צו דירעקט שטיצע פראפעסיאנעלן - די רחמנות'דיגע און פעהיגע מענטשן וואס שטעלן צו גוטע קעיר און וויכטיגע שטיצע צו מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסעביליטיס. דורך אנערקענען די אומשאצבארע ארבעט פון די פראפעסיאנעלען און פארזיכערן אז זיי ווערן ריכטיג באצאלט, פארשטערקער די אינוועסטירונג ארבעטקראפט שטאנדהאפטיגקייט און פארבעסערט באדייטנד די קוואליטעט פון לעבן פאר די מענטשן און פאמיליעס וואס פארלאזן זיך אויף זייער קעיר."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן